**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/7/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האוקול שטעלט אוועק ערשטע באראטונגס קאונסיל צו רעדוצירן קינד ארעמקייט איבער'ן סטעיט**

***קינד ארעמקייט רעדוקציע באראטונגס קאונסיל וועט זיך צונויפקומען צו שניידן קינד ארעמקייט אין האלב אין ניו יארק סטעיט איבער'ן קומענדיגן יאר-צענדליג***

***אומגעפער איינס אין פינף קינדער ווערן אפגעשאצט צו וואוינען אין ארעמקייט אין ניו יארק אין 2021***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן דעם קינדהייט ארעמקייט רעדוקציע באראטונגס קאונסיל וואס אויסארבעטן א פלאן צו שניידן 'קינדהייט ארעמקייט אין האלב איבער' קומענדיגן יאר-צענדליג. אויטאריזירט דורך דעם קינדהייט ארעמקייט רעדוקציע אקט, וועט דער פילפארביגע פאנעל אנהייבן אויסארבעטן דעם פלאן בשעת איר ערשטע צוזאמקונפט אין אלבאני אום דאנערשטאג, אקטאבער 13.

"לינדערן ארעמקייט פאר אלע ניו יארקער — איבערהויפט אונזער יונגסטע, — איז א הויפט פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "די טאלאנטפולע און פארשידנמיניגע גרופע פון פאָליסי מומחים, סערוויס פראוויידערס, אקטיוויסטן און קאמיוניטי מיטגלידער וועט איבערקוקן סיי איבערצייגטע סטראטעגיעס און נייע מהלכים צו ווייטער ציען דעם ציל און אדרעסירן די ברייטע און סיסטעמאטישע אומגלייכקייטן וואס פאראייביגט די רעדלען פון ארעמקייט אין קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט."

דער קאונסיל איז באאויפטראגט מיט אנטוויקלען באוויז-באזירטע רעקאמענדאציעס פאר רעדוצירן קינדהייט ארעמקייט אין ניו יארק סטעיט מיט 50 פראצענט במשך די קומענדע צען יאר. אלס טייל פון דעם אונטערנעמונג, וועט דער קאונסיל אויספירן ברייט-ארומנעמנדע דאטא אנאליז, שאפן א צייטפלאן מיט יערליכע מאס צילן, באשטימען עפעקטיווע מעטריקס פאר מעסטן דעם סטעיט'ס פארשריט אין רעדוצירן קינדהייט ארעמקייט און ארויסגעבן באריכטן.

דער קאונסיל האט אלס מיט-פארזיצער דזשיהון קים, גאווערנער האוקול'ס דעפיוטי סעקרעטאר פאר מענטשן סערוויסעס און גייסטישע געזונט, און דעניעל דאָבליו. טיעץ , קאמיסיאנער פונעם סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף.

**דעפיוטי סעקרעטאר צום גאווערנער פאר מענטשן סערוויסעס און גייסטישע געזונט דזשיהון קים האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר'ן מיך באשטימען אלס מיט-פארזיצער פונעם קאונסיל. די אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו נעמען קאנקרעטע טריט צו לינדערן די עקאנאמישע, גייסטישע און עמאציאנעלע אנגעשטרענגטקייט מיטגעמאכט דורך צופיל ניו יארקער,

איבערהויפט אונזערע קינדער. דער קאונסיל וועט פאקוסירן אויף בויען קאנסענסוס צו ברייט-באזירטע לייזונגס-מיטלען וועלכע קענען העלפן בא׳עוול׳טע קאמיוניטיס, אריינגערעכנט קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, אריינגערעכנט קאמיוניטיס פון קאליר, אנטלויפן פון ארעמקייט און ערגרייכן עקאנאמישע זיכערהייט.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״עס איז א כבוד צו דינען אלס מיט-פארזיצער פון דעם קאונסיל און איך בין דערהייטערט אנצוהייבן די קריטיש-וויכטיגע ארבעט פון שאפן א בלופרינט וואס מיר קענען ניצן צו שניידן קינדהייט ארעמקייט אין העלפט איבער׳ן קומענדן יאר-צענדליג. די ארבעט פון דעם קאונסיל איז מיט׳ן כוונה צו באפולמעכטיגן געוויסע פון אונזערע מערסט באזייטיגטע און עמפינדליכע ניו יארקער מיט-בירגער און פארבעסערן דעם לעבנס-קוואליטעט פאר די מערסט באדערפטיגע.״

דער קאונסיל׳ס שטאטוטליכע מיטגלידערשאפט רעכנט אריין:

- סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיאנערין שיעלע פויל
- סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ געהילף קאמיסיאנערין פון פראצעסירן און שטייער-צאלער סערוויסעס קריסטין דענס
- סטעיט קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס דעפיוטי דירעקטאר און קאונסיל עלאנא מארטאן
- געוועזענע ׳קינדער דעפענס פאנד׳ דירעקטאר פון געזונטהייט און עקאנאמישע יוסטיץ פאָליסי בען אנדערסאן
- ראבינהוד פאנדעישען CEO ריטשערד בוערי
- קאמיוניטי מיטגליד קענדעס קאבראל
- קאמיוניטי מיטגליד פאמעלא וואלקאט
- מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל מיטגליד שעלי קעלעהען
- סאוטערן טיער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל מיטגליד קעטי קאנערטאן
- סקיילער צענטער פאר אנאליז און שתדלנות פרעזידענטקע און CEO קעיט ברעסלין
- וועסטשעסטער קינדער׳ס אסאסיעשען עקזעקיוטיוו דירעקטארין עליסאן לעיק
- דער קינדער׳ס אגענדע דירעקטאר פון פאָליסי פיעטער נאבאזני
- דער עדיוקעשען טראָסט עקזעקיוטיוו דירעקטארין דיא ברייענט
- ניו יארק סיטי מענטשן רעסאָרסן אדמיניסטראציע אדמיניסטראטארין ליסע פיטספעטריק
- ערי קאונטי דעפארטמענט פון סאציעלע סערוויסעס קאמיסיאנערין מערי קענאן

הונדערטער טויזנטער קינדער וואוינען אין ארעמקייט לענגאויס ניו יארק סטעיט אין 2021, [לויט די יו-עס צענזוס ביורא דאטא צוזאמגעשטעלט דורך דעם עני אי. קעיסי פאנדעישען](). דאס פארטרעט איבער 15 פראצענט אדער באלד איין אין פינף קינדער איבער׳ן סטעיט.

דער ניו יארק סטעיט קינדהייט ארעמקייט רעדוקציע בעראטונגס קאונסיל וועט האלטן איר ערשטע זיצונג אום דאנערשטאג, אקטאבער 13, 10 אינדערפרי, אין מיטינג רום 6 ביים עמפייער סטעיט פלאזא אין אלבאני. די זיצונג איז אפן פאר׳ן פובליק און קען אויך געזען ווערן [אנליין](), אינאיינעם מיט מאטעריאלן וואס דער קאונסיל וועט דורכרעדן, וואס וועט זיין צו באקומען ביי דעם לינק איין טאג בעפאר דער זיצונג: [otda.ny.gov/news/meetings/]().

###